ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# ביצה

בלשון הקודש
ואידיש

**207**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת ביצה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת ביצה

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו,
ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ
מעתיק המשניות עברי טייטש.

הוצאת אמונה,
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# ביצה פרק ראשון ביצה

(ד׳ ד) א אושפיזיכניה דרב פפא ואמרי לה ההוא גברא דאתא לקמיה דרב פפא הוו ליה הנך ביצים משבת לי"ט אתא לקמיה א"ל מהו למיכלינהו למחר א"ל זיל האידנ׳ ותא למחר דרב לא מוקים אמורא עלויה מיומא טבא לחבריה משום שכרות כי אתא למחר אמר ליה (ע"ב) איכו השתא אישתלאי ואמרי לך רב ור׳ יוחנן הלכה כר׳ יוחנן והאמר רבא הלכתא כוותיה דרב בהני תלת וכו׳ :

## יום טוב פרק שני

(טו ע"ב) א תנו רבנן מעשה בר"א שהיה יושב ודורש כל היום כלו בהלכות יו"ט יצתה כת ראשונה אמר הללו בעלי פטסין כת שניה אמר הללו בעלי חביות. כת שלישית אמר הללו בעלי כדין. יצתה כת רביעית אמר הללו בעלי לגינין. חמישית אמר הללו

דרב לא מוקים אמורא עליה. לא היה מעמיד תורגמן לפניו לדרוש דרשה ברבים: מיומא טבא לחבריה. כלומר משעבר היום יו"ט דכיון שאכל סעודה עד מחר: משום שכרות. דרב אורויי הוה הורי בדרשה שלו כדאמרינן בכריתות ושכור אסור להורות דכתיב יין ושכר אל תשת וכתיב ולהורות את בני ישראל: איכו השתא. אם הוריתי לך אתמול בשכרותי: אישתלאי. שכחתי ושגגתי שהייתי מורה בו היתר משום דקי"ל בכל דוכתי רב ורבי יוחנן הלכה כר׳ יוחנן עכשיו יפה דחיתיך עד היום וזכרתי:

שהיה יושב ודורש. ביו"ט: יצתה כת ראשונה. לכבוד סעודת יו"ט והניחוהו דורש: בעלי פטסין. חביות גדולות היו להם באוצרין ומסך משתאות לפיכך מסכו לאכול כלומר בעלי נפש הן

---

## פרק ראשון

א אושפיזיכניה. דער בעל הבית וואס רב פפא האט ביי איהם געוואוינט. אנדערע זאגען אמענטש איז געקומען פאר רב פפא. אונ ער האט געהאט אייער וואס זענען געבארען געווארען שבת. אונ מארגען זונטאג איז געוועזען יום טוב. האט ער געפרעגט ביי רב פפא אויב ער וועט מעגען עסען מארגען אום יום טוב די אייער. האט רב פפא צו איהם געזאגט גיי איצט אונ קום מארגען. ווארום רב האט ניט געשטעלט נעבען זיך אאמורא צו זאגען אדרשה אדער פסקנ׳ן אדין אום יום טוב נאך דעם עסען. ביז אויף מארגען פריא. ווייל טאמער איז ער שיכור. אונ אשיכור טאר ניט פסקנ׳ן אדין. אונ ווייל רב פפא האט שוין געהאט געגעסען האט ער אויך ניט געוואלט פסקנ׳ן דעם דין. אז דער מענטש איז געקומען פאר רב פפא אויף מארגען. האט רב פפא צו איהם געזאגט ווען איך וואלט דיר געכטין געפסקנ׳ט דעם דין וואלט איך פאר געסין אונ איך וואלט דיר געזאגט דו מעגסט עסען די אייער. ווארום אז רב קריגט מיט רבי יוחנן איז דער דין ווי רבי יוחנן. אונ רבי יוחנן זאגט מען מעג עסען דיא אייער. אבער עס איז ניט אזוי. ווארום רבא האט געזאגט דער דין איז ווי רב אין די דריי זאכען. אז דיא אייער וואס ווערין געבארען שבת טאר מען זייא ניט עסין מארגען זונטאג אום יום טוב:

## פרק שני

א תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס האט אמאהל געטראפען רבי אליעזר איז געזעסען יום טוב אין בית המדרש אונ האט געדרשנ׳ט אגאנצען טאג די דינים פון יום טוב. זענען אביסול מענטשין ארויס געגאנגען פון בית המדרש אונ זענען געגאנגען אהיים עסין. האט רבי אליעזר געזאגט די מענטשין האבען געווים אן געגרייט אויף יום טוב גרויסע פעסער ווין דריבער האבען זיי זיך געאיילט צו גיין אהיים. דער נאך זענען ארויס געגאנגען נאך אביסול מענטשין פון בית המדרש אונ זענען געגאנגען אהיים עסין. האט רבי אליעזר געזאגט די מענטשין האבען אויך געמוזט אן גרייטען פעסער ווין אויף יום טוב. דער נאך זענען נאך אביסול מענטשין ארויס געגאנגען פון בית המדרש אונ זענען געגאנגען אהיים עסין. האט רבי אליעזר געזאגט די מענטשין האבען אויך געמוזט אן גרייטען קריג ווין אויף יום טוב. דער נאך זענען ארויס געגאנגען נאך אביסול מענטשין פון בית המדרש אונ זענען געגאנגען אהיים עסין. האט רבי

אליעזר

הללו בעלי כוסות , התחילו כת ששית לצאת אמר הללו בעלי מארה נתן עיניו בתלמידיו התחילו פניהם משתנין אמר להם בני לא לכם אני אומר אלא להללו שיצאו שמניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה בשעת פטירתן אמר להם לכו אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו כי קדוש היום לאדונינו ואל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם . אמר מר שמניחין חיי העולם ועוסקין בחיי שעה והא שמחת יו"ט מצוה היא ר"א לטעמיה דאמר שמחת יו"ט רשות דתניא ר"א אומר אין לו לאדם ביו"ט אלא או אוכל ושותה או יושב ושונה רבי יהושע אומר חלקהו חציו לה' וחציו לכם א"ר יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו כתוב אחד אומר (דברים טז) עצרת לה' אלהיך וכתוב אחד אומר (במדבר כט) עצרת תהיה לכם הא כיצד ר' אליעזר סבר או כולו לה' או כולו לכם ור' יהושע סבר חלקהו חציו לה' וחציו לכם מאי לאין נכון לו [אר"ח] למי שלא הניח

אינן יגעין בשמוע תורה : הללו בעלי מארה . שהיה בית המדרש מתרוקן מאד ונגלה הדבר וקשה בעיניו . עד מתי אתם יושבים ל"ג . התחילו פניהם משתנין . שסבורין שכועס על כת שבית מפני שאחרו לצאת וכל שכן עליהן : חיי שעה . סעודה : אכלו משמנים . מקרא הוא בספר עזרא עד כי חדות ה' היא מעוזכם : שלא היה לו להכין . כגון שאבדה לו אבידה מערב יו"ט ומתוך כך היום

---

אליעזר גזאגט די מענטשן האבן אויך גימוזט אן גרייטען פרעשער ווייל אויף יום טוב . דער נאך זענען ארוים גיגאנגען נאך אפינפטע ביסול מענטשן פון בית המדרש אונ זענען גיגאנגען אהיים עסין . האט רבי אליעזר גזאגט די מענטשן האבן אויך גימוזט אן גרייטען גלעזער וויין אויף יום טוב . דער נאך האבן אן גיהויבען די זעקסטע ביסול מענטשן ארוים צו גיין פון בית המדרש . איז רבי אליעזר גיוועזן אין כעס ווייל דער בית המדרש איז גיווארען ליידיג . דאם רבי אליעזר גזאגט די זענען פאר פלוכטע מענטשן . זייא פאר שעמען דיא תורה . האט רבי אליעזר אן געקוקט זיינע תלמידים . איז זייער פנים פאר ענדערט גיווארין פון שרעק . זייא האבען גימיינט אז רבי אליעזר איז אין כעס אויף זיי פאר וואס זיי זיצען אזוי לאנג אין בית המדרש אונ גייען ניט אהיים עסין . האט רבי אליעזר צו זיי גזאגט מיינע קינדער ניט אויף אייך בין איך אין כעס . נאר אויף די וואס זענען אוועק גיגאנגען בין איך אין כעס . זיי האבען אוועק גילאזין די תורה וואס זי איז דאס אייביגע לעבין . אונ זענען גיגאנגען עסין וואס דאס גיט לעבין אויף אקורצע צייט . ווען די תלמידים זענען אוועק גיגאנגען פון בית המדרש . האט רבי אליעזר צו זיי גזאגט גייט עסט פעטע אונ גוטע עסין . אונ טרינקט זיסען וויין . אונ שיקט פלייש אונ פיש אונ אנדערע עסין שפייז צוא דיא מענטשן וואס האבען ניט אן גיגרייט . ווארום היינטיגער טאג איז הייליג צו גאט . אונ איר זאלט ניט טרויערין . נאר די פרייד פון גאט זאל זיין אייער שטארקייט . זאגט די גמרא פריער איז גישטאנען רבי אליעזר האט גזאגט אויף די מענטשן וואס זענען אוועק גיגאנגען פון בית המדרש זיי לאזען אוועק די תורה וואס זי איז דאס אייביגע לעבין . אונ זענען גיגאנגען עסין וואס דאס גיט לעבין אויף אקורצע צייט . איז דאך א קשיא צו פרייען זיך אום יום טוב איז דאך א מצוה . ענטפערט דיא גמרא רבי אליעזר האלט צו פרייען זיך אום יום טוב איז ניט קיין מצוה . נאר ווי מען וויל : ווארום מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט א מענטש דארף טאהן אום יום טוב אדער עסין אונ טרינקען אדער לערנען תורה . רבי יהושע זאגט מען דארף דעם טאג יום טוב צו טיילען אהאלבען טאג צו גאט . דאווענען אונ לערנען . אונ אהאלבען טאג פאר זיך . עסין אונ טרינקען . רבי יוחנן זאגט רבי אליעזר אונ רבי יהושע דרשנן אין פסוק . אין איין פסוק שטייט עס זאל זיין יום טוב צוא גאט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט עס זאל זיין יום טוב צוא אייך . ווי אזוי . רבי אליעזר זאגט אדער דער גאנצער טאג יום טוב זאל זיין צו גאט . אדער דער גאנצער טאג יום טוב זאל זיין צו אייך . אונ רבי יהושע זאגט דו זאלסט דעם טאג יום טוב צוא טיילען : אהאלבער טאג זאל זיין צו גאט . אונ אהאלבער טאג זאל זיין צו אייך . פרעגט דיא גמרא פריער שטייט רבי אליעזר האט גזאגט צו די תלמידים זייא זאלען שיקען עסין צו דיא מענטשין

הניח ערובי תבשילין א"ד למי שלא היה לו להניח ערובי תבשילין אבל מי שהיה לו להניח ולא הניח פושע הוא. מאי כי חדות ה׳ היא מעוזכם א"ר יוחנן משום ר"א בר"ש אמר להו הקב"ה לישראל בני לוו עלי וקדשו קדושת היום והאמינו בי ואני פורע:

ב וא"ר יוחנן משום ר׳ אלעזר בר"ש הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר שנאמר (תהלים צג) אדיר במרום ה׳ אי נמי אדרא כשמיה כדאמרי אינשי מאי אדרא דקיימי לדרי דרי תניא נמי הכי שדה שיש בה אדר אינה נגזלת ואינה נחמסת ופירותיה משתמרין:

תני

אחריה: חדות ה׳: שמחה שאתם עושים בשביל ה הרי היא מעוזכם היא העוזר אתכם נשלם הקפותיכם והלואותיכם שתלוו בשבילה:

שיתקיימו לו נכסיו. שלא יהא אדם תומכן וגוזל בדות ממנו: יטע בהן אדר. אילן חשוב הוא ויש לו שם למרחוק ואומרים פלוני יש לו אדר בשדהו ומתוך כך היא נקראת על שמו ואם הלך למדינת הים ובא אחר והחזיק בה יש לו עדים הרבה שהיתה שלו ואלו יכרה היה הקול יוצא להיות נקראת על שמו של שני: שנאמר אדיר במרום ה׳. כלומר שאדר לשון קיום וחוזק הוא ולכך נקראת אדר: כשמיה. כשמו שמפרשין בני אדם את שמו: נחמסת. החמסן יהיב דמי אלא שלוקח בכח ויש קול לדבר והיוצא לו מתר מזמינו לב"ד: ופירותיה משתמרין. לא ידענא מאי היא י"מ שנוטעים אותם

---

מענטשין וואס האבען ניט אן גיגרייט. פאר וואס האבען זיי ניט אן גיגרייט. האט רב חסדא גיזאגט דא שמועסט אז פרייטאג איז גיוועזן יום טוב. אונ מען האט ניט אן גיגרייט פון יום טוב אויף שבת. ווייל מען האט ניט גילייגט ערב יום טוב עירוב תבשילין. זאל מען שיקען צו זיי פארטיגע עסין אויף שבת. אנדערע זאגין רבי אליעזר האט נאר גיהייסען שיקען עסין צו די מענטשין וואס האבען ניט אן גיגרייט פון יום טוב אויף שבת ווייל זיי האבען ניט גיקענט לייגין עירוב תבשילין. למשל ער האט עפעס פאר לארין ערב יום טוב אונ ער האט אגאנצע טאג גיזוכט. אבער דער וואס האט צייט גיהאט צו לייגין עירוב תבשילין אונ ער האט ניט גילייגט. דער הייסט הפושע. צו איהם זאל מען ניט שיקען עסין אויף שבת. וואס מיינט מען דיא פרייד פון גאט איז אייער שטארקייט. האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון וועגין. גאט האט גיזאגט צו די יודין מיינע קינדער בארגט פון מיינעטוועגין אונ הייליגט דעם טאג [שבת אדער יום טוב] אונ גלויבט אין מיר אונ איך וועל בצאהלין. וואס איר וועט אייך פרייען פון גאטס וועגין דם וועט אייך העלפען אונ שטארקין איר זאלט קענען בצאהלין וואס איר האט גיבארגט אויף די שמחה:

ב ואמר נאך האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון וועגין דער וואס וויל זיינע פעלדער זאלין בלייבין ביי איהם. קיינער זאל זיי ניט קענען אוועק נעמען פון איהם. זאל ער פלאנצין אין פעלד א בוים וואס הייסט אדר. דאס איז א טייערער בוים. אונ ער האט איין נאמען גאנץ ווייט. וועלין אלע וויסען דער מענטש האט דעם בוים אדר אין זיין פעלד. דער ווייל וועלין אלע וויסען אז די פעלד גיהער צו דעם מענטש. אונ אויב דער בעל הבית פון פעלד וועט אמאהל אוועק גיין אין אנדערע מדינה. אונ דער ווייל וועט איינער צו נעמען די פעלד אונ וועט זאגין זיא איז זיינע. וועט דער בעל הבית קענען ברענגען פיל עדות אז דיא פעלד איז זיינע. ווארום מען וועט זעהן אין פעלד איז גיפלאנצט דער בוים אדר. וועט מען גידיינקען אז דער בעל הבית האט טאקי גיהאט אין זיין פעלד דעם בוים אדר. אונ זאל דאס זיין אמת אז דער וואס האלט איצט די פעלד האט די פעלד גיקויפט פון דעם בעל הבית. וואלט דאך די פעלד מיט דעם בוים אדר גירופען גיווארען אויף זיין נאמען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אדיר במרום יי. גאט איז שטארק אין הימעל. איז אדיר דער טייטש שטארק. אדער דעם בוים רופט מען אדרא אזוי וויא זיין נאמען איז. אזוי וויא מענטשין זאגין פאר וואס רופט מען דעם בוים אדרא. ווייל ער שטייט לדרי דרי. אויף אייביג. צו פיל דורות. דער בוים ווערט ניט געשווינט פארפוילט. נאר ער שטייט טויזענדער יאהרין. מיר האבין אויך אזוי גילערנט א פעלד וואס אין איהר איז גיפלאנצט דער בוים אדר. קען זיא ניט גיגזלט ווערין. אונ זיא קען ניט גיקויפט ווערין מיט שטארקייט. נגזלת הייסט אז ער נעמט אוועק אומזיסט. חמסן הייסט ער צווינגט דעם בעל הבית ער מוז איהם פארקויפין די זאכן. ווארום ווען דער בעל

הבית

על הגבולין ויש לו ענפים הרבה והוא לשדה לגדר ולי נראה שהוא מין עשב תמוז וזרעו מתערב עם הסיגים וכבדה לבן קמור ומשתמרת הזבילה מן הבגדים והתולעים ע"ש אותו זרע מכריזן והוכגן כדאמרינן בתומעין במשמר הכתובה במסכת שבת : כל מזונותיו של אדם . כל מה שעתיד להשתכר בשנה שיהא ניזון משם קצוב לו כך וכך ישתכר בשנה זו ויש לו ליזהר מעבודות יציאה מרובה שלא תפיצו לו שכר למזונותיו אלא מה שפסקו לו : חוץ מהוצאת שבתות . אותן לא פסקו לו מה ישתכר לעורך ומכיון הוצאתו אלא לפי מה שרגיל ממציאין לו לשעה או לאחר בעה : פוחתין לו . כלומר שמציאין לו שכר מועט : מאי קראה . שקיצבים מזונותיו בר"ה : שהחדש מתכסה בו . שהלבנה מתכסה בו שאינה נראית לכל אדם אלא בחריה ליושבי מזרח ומערבים ליושבי מערב כדאמרינן בר"ה כ"ד בעי מתכסי סיהרא : הוי אומר זה ר"ה . דאלו שאר יו"ט כבר נתמלאה הלבנה במקצת ונראית בכל מקום : בכסה ליום חגנו . ההדרש קאי תקעו מהיום שלבנה שופר כשהיא מתכסה ביום חגנו : אוכל את הראשונה . שמא אוכלה לזו כדי שתהא

ג תני רב תחליפא אחוה דרבנאי חוזנאה (דף פז) כל מזונותיו של אדם קצובין לו מר"ה ועד יו"ה חוץ מהוצאות שבתות והוצאות יום טוב והוצאות בניו לתלמוד תורה שאם פיחת פוחתין לו ואם הוסיף מוסיפין לו . אמר רבי אבהו מאי קראה (תהלים פא) תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו איזהו חג שהחדש מתכסה בו הוי אומר זה ראש השנה וכתיב (שם) כי חק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב מאי משמע דהאי חק לישנא דמזוני הוא דכתיב (בראשית מז) ואכלו את חקם אשר נתן להם פרעה . מר זוטרא אמר מהכא (משלי ל) הטריפני לחם חקי . תניא אמרו עליו על שמאי הזקן כל ימיו היה אוכל לכבוד שבת מצא בהמה נאה אומר זו לשבת מצא אחרת נאה הימנה מניח את השניה ואוכל את הראשונה אבל הלל הזקן מדה אחרת היתה בו שכל מעשיו

---

הבית פון פעלד וועט זעהן אז ער האט ניט מורא פאר דעם גזל . אדער פאר דעם חמסן . וועט ער געפינען פיל עדות אז די פעלד איז זיינע און ער וועט זייא צוריק אפ נעמען פון זיי . און די תבואה פון פעלד ווערט געהיט פון ווערים דורך דעם בוים . ווארום דער ריח פון דעם בוים אדר הרגת און פאר טרייבט אלע ווערים פון פעלד :

ג תני . רב תחליפא דער ברודער פון רבנאי חוזנאה האט געלערנט . פון ראש השנה ביז יום כפור אין די צעהן טעג ווערט אויס געזעצט אויף יעדער מענטש וויא פיל ער זאל דעם יאהר פארדינען . דריבער זאל דער מענטש ניט אויס געבין פיל געלט . טאמער וועט איהם אין סוף יאהר פעלין געלט . ער וועט שוין האבין אויס געגעבין אין גאנצין ווי פיל ער האט גידארפט דעם יאהר פארדינען . נאר אויס צוא געבין געלט אויף שבת און אויף יום טוב און צוא בצאהלין מלמדים זייא זאלין לערנען תורה מיט זיינע קינדער . דאס האט מען ניט אויס גיזעצט ווי פיל ער זאל אויף דעם פארדינען . נאר אויב שבת און יום טוב און מלמדים קאסטין איהם ווייניג . פארדינט ער דארויף ווייניג . און אויב דאס קאסט איהם פיל . פארדינט ער דארויף מער . רבי אבהו האט גיזאגט פון וועלכין פסוק ווייסין מיר דאס . אז דעם מענטשינס פארדינסט ווערט אויס גיזעצט ראש השנה . עס שטייט אין פסוק איהר זאלט בלאזין שופר ראש חודש אין דעם יום טוב וואס די לבנה איז נאך צו גידעקט . וועלכער יום טוב איז דאס . וואס די לבנה איז נאך צו גידעקט . דאס איז ראש השנה . און עס שטייט אין פסוק כי חוק לישראל הוא . אין דעם טאג ווערט גיגעבין שפייז צו די יודען אויף אגאנץ יאהר . משפט לאלהי יעקב . אין דעם טאג ריכט דער גאט פון יעקב די גאנצע וועלט . זאגט די גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז חוק איז דער טייטש שפייז : ווארום עס שטייט אין פסוק ואכלו את חקם אשר נתן להם פרעה . דיא כומרים פון מצרים האבין גיגעסין זייער שפייז וואס פרעה האט זיי גיגעבין . מר זוטרא זאגט פון דעם פסוק הטריפני לחם חקי . גיב מיר מיין אויס גיזעצטע ברויט :

תניא . מיר האבין גילערנט מען האט גיזאגט אויף שמאי הזקן אז די גאנצע יאהרין זיינע וואס ער האט גילעבט האט ער אלץ גיגעסין לכבוד שבת . אז ער האט גיטראפען א שיינע בהמה אדער איין אנדער זאך : האט ער זיא גיקויפט אויף שבת . אז ער האט דער נאך גיטראפין א שענערע בהמה (אדער א שענערע זאך) . האט ער גילאזין די אנדערע אויף שבת און ער האט גיגעסין די ערשטע . האט ער דאך גיגעסין די ערשטע כדי די אנדערע זאל גיגעסין ווערין אום שבת . אבער הלל הזקן האט גיהאט איין אנדער מדה . אלץ וואס ער האט גיטאהן

מעשיו היו לשם שמים שנאמר (תהלים סח) ברוך ה' יום יום תניא נמי הכי ב"ש אומרים מחד שביך לשבתיך וב"ה אומרים ברוך ה' יום יום:

**ד אמר** רבי חמא בר חנינא הנותן מתנה לחבירו אין צריך להודיעו שנאמר (שמות לד) ומשה לא ידע כי קרן עור פניו וכו' (בשבת פ"ק) אמר רבי (יוסי) [יוחנן] משום ר' שמעון בן יוחאי כל מצות שנתן הקב"ה לישראל נתן להם בפרהסיא חוץ משבת שנתן להם בצנעה שנאמר (שם לא) ביני ובין בני ישראל אי הכי לא ליענשו עכו"ם עלה שבת אודעינהו מתן שכרה לא אודעינהו ואי בעית אימא מתן שכרה נמי אודעינהו נשמה יתירה לא אודעינהו דא"ר שמעון בן לקיש נשמה יתירה נותן הקב"ה באדם ע"ש ולמוצאי שבת נוטלין אותה הימנו שנאמר (שמות לא) שבת וינפש כיון ששבת ווי אבדה נפש:

ההוא

טיפה נאכלת בשבת דהויא לה אכילתה של ראשונה לכבוד שבת: לשם שמים. בוטח שהזמן לו נאה לשבת: מחד שביך לשבתיך. מאחד בשבת שלך תן לבך לשבת הבאה: יום יום. יעמס לנו את צרכנו ועזרתנו:

אין צריך להודיעו. לומר שלא יבוש זה יושב ותוהה מהיכן בא אליו דבר זה: ומשה לא ידע. אלמא נתן לו הקב"ה קרון עור פניו ולא הודיעו: לא ליענשו עכו"ם עלה. ואין השבתן שהזר הקב"ה להעניש על התורה ועל המצות דכתיב וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וכתיב אלוה מתימן יבא: נשמה יתירה. רוחב לב למנוחה ולשמחה ולהיות פתוח לרווחה. ויאכל וישתה ואין נפשו קצה עליו: וינפש. דרשינן ליה ווי על הנפש שהלכה לה:

מסדר מתניתא. שהיה יודע משניות בגרסא ומחזר עליה לפני מר שמואל שהיו סדורות בפיו כפיקן: סמוך אדידי. דמערבא אכולא הרדעא שהיא עירו: לשנה. לשנה האחרת ולא בשנה הזה שאין יכול להיות ולהתנות: לדידך אסור. שאין דעתו על המודים והפוסקים שאינם מרדים על דברי חכמים:

---

איז געוועזן פון גאטס וועגן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ברוך יי יום יום יעמס לנו. געגלויבט איז גאט אלע טאג. גיט ער אונז וואס מיר באדארפען צו דעם טאג. מיר האבען אויך אזוי געלערנט בית שמאי זאגין דעם ערשטען טאג נאך שבת זאל שוין א מענטש האבען אין זינען דעם שבת וואס וועט קומען. אן צו גרייטען פון דיינעטוועגען. אונ בית הלל זאגין געלויבט איז גאט. אלע טאג גיט ער אונז וואס מיר דארפין צו דעם טאג. אויף אום דער וואכין בזונדער אונ אויף שבת בזונדער:

**ד** אמר. רבי חמא בר חנינא זאגט אז איינער גיט א מתנה צו זיין חבר. אונ דער חבר חייס ניט ווער איהם האט געגעבין די מתנה. דארף ער איהם ניט זאגין איך האב דיר די מתנה געגעבין. ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט ניט געוואוסט אז די הויט פון זיין פנים האט געשיינט. האט איהם גאט געגעבין א מתנה אונ האט איהם ניט געזאגט. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין אלע מצות וואס גאט האט געגעבין צו די יודען: האט ער זיי געגעבין ווען אלע האבין געוואוסט. נאר די מצוה פון שבת האט גאט געגעבין צו די יודען אין דער שטיל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צווישען מיר אונ צווישען די יודען. פער האבען ניט געוואוסט נאר איך אונ די יודען. פרעגט די גמרא אויב עס איז אזוי דארפין די פעלקער ניט געשטראפט ווערין אויף דעם וואס זיי היטען ניט שבת. חייל זייא קענען זאגין מיר האבין גאר ניט געוואוסט אז גאט האט געבאטין אויף שבת. ענטפערט די גמרא ווען גאט האט געבאטין די יודען אויף שבת האבין אלע געוואוסט. נאר דעם שכר וואס מען וועט האבין אז מען וועט היטען שבת. דאס האט גאט געזאגט צו די יודין אין דער שטיל. אדער מען קען זאגין דעם שכר פון שבת האט אויך גאט געזאגט אלע זאלין וויסען. נאר אז ער האט געגעבין דעם מענטש וואס היט שבת א גרעסערע נשמה. דאס האט גאט קיינעם ניט געזאגט נאר צו די יודין אין דער שטיל. ווארום רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט גאט גיט דעם מענטש איין גרעסערע נשמה ערב שבת וויא זאל איהם פרייליך מאכין פון זיינע זארג. אונ ער זאל ווערין הייליגער צוא דינען גאטו אונ וויא שבת גייט אוועק נעמט מען צו פון איהם די גרעסערע נשמה אונ ער בלייבט נאר ביי די נשמה פון אגאנצע וואך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שבת וינפש. נאך די רוהונג פון שבת. ווי אבדה נפש. איז ווי דעם מענטש וואס ער האט פארלארין די נשמה פון שבת:

ההוא

(ע"ב) **ה ההוא** סמיא דהוה מסדר מתניתא קמית דמר שמואל חזייה דהות עציב א"ל אמאי עציבת א"ל דלא אותיבי ערובי תבשילין אסר ליה סמוך אדידי לשנה חזייה דהוה עציב א"ל אמאי עציבת א"ל דלא אותיבי ערובי תבשילין א"ל פושע את לכולי עלמא שרי ולדידך אסיר:

(דף כ ע"ב) **ו שוב** מעשה בתלמיד אחד מתלמידי ב"ה שהביא עולתו לעזרה לסמוך עלית מצאו תלמיד אחד מתלמידי ב"ש א"ל מה זו סמיכה א"ל מה זו שתיקה שתקו בנזיפה והלך יו אמר אביי הילכך האי צורבא מרבנן דאמר ליה חבריה מילתא לא להדר ליה מילתא טפי ממאי דא"ל חבריה דאיהו א"ל מה זו סמיכה ואיהו א"ל מה זו שתיקה:

(דף כא) **ז בעא** מיניה רב אויא סבא מרב הונא בהמה חציה של עכו"ם וחציה של ישראל מהו לשחטה ביום טוב אמר ליה מותר אמר ליה וכי מה בין זה

פירוש

שוב מעשה וכו'. לאחר המעשה דלעיל היה המעשה בתלמיד אחד וכו': מה זו סמיכה. שאתה רוצה לסמוך ולעבור על דברי ב"ש והלא אנו חולקים עליכם: א"ל מה זו שתיקה. שהוא גם כהוק ואינך שותק: שתקו בנזיפה. בגערה: מה בין זה לנדר ונדבה. שהללין לו וחציין לגבוה

---

**ה** ההוא. אבלינדער איז אמאהל געזעהן אום יום טוב פאר מר שמואל אונ האט געלערנט משניות אויסווייניג. האט מר שמואל געזעהן דער בלינדער זיצט טרויעריג: האט מר שמואל איהם געפרעגט וואס ביסטו טרויעריג. האט ער געזאגט איך האב ניט געמאכט אעירוב תבשילין. האט ער געזאגט צום בלינדען דוא קענסט זיך פארלאזין אויף מיין עירוב תבשילין. ווארום איך האב געמאכט אעירוב תבשילין פאר דיא גאנצע שטאט. ווער עס וועט פארגעסין צו מאכין אעירוב תבשילין זאל זיך פאר לאזין אויף מיין עירוב תבשילין. אויף איבער איאהר האט ער ווידער געזעהן דעם בלינדען אז ער איז טרויעריג. האט מר שמואל געזאגט צום בלינדען פאר וואס ביסטו טרויעריג. האט דער בלינדער געזאגט וויל איך האב ניט געמאכט אעירוב תבשילין. האט מר שמואל געזאגט צום בלינדען איך זעה אז דוא האסט ניט געוואלט לייגין אעירוב תבשילין. וויל דוא האלסט ניט די רייד פון די חכמים. דריבער אלע מעגין זיך פארלאזין אויף מיין עירוב תבשילין. אונ דו טארסט דיך ניט פארלאזין אויף מיין עירוב תבשילין. ווארום איך האב נאר געמאכט אעירוב תבשילין פאר די וואס וועלין פאר געסין צו מאכין אעירוב תבשילין. אבער ניט פאר די וואס ווילען ניט מאכין אעירוב תבשילין:

**ו** שוב. נאך אזאך האט געטראפין אתלמיד פון בית הלל תלמידים האט געבראכט אום יום טוב אעולה אין דער עזרה אונ ער האט געוואלט ארויף לייגין די הענט אויף דיא עולה נאזוי וויא עס שטייט אין די תורה וסמך ידו. איז געקומען צו אים אתלמיד פון בית שמאים תלמידים. אונ האט געזאגט צו איהם מה זו סמיכה. וואס איז דאס אן לעהנען די הענט אויף אקרבן. מען טאר דאך ניט אום יום טוב. האט דער תלמיד פון בית הלל געזאגט צוא איהם מה זו שתיקה. וואס איז דאס שווייגין. דוא האסט געדארפט שווייגין. אונ שווייגסט ניט. האט דער תלמיד פון בית הלל אן געשריגען אויף דעם תלמיד פון בית שמאי איז ער שטיל געווארין אונ איז אוועק גינאנגען. אביי זאגט אז אלמדן זאגט אזאך צו זיין חבר. זאל איהם דער חבר ניט ענטפערין מער וויא מעי האט צוא איהם געזאגט. דער תלמיד פון שמאי האט געזאגט דריא ווערטער מה זו סמיכה. האט דער תלמיד פון הלל איהם אויך געענטפערט נאר דריי ווערטער מה זו שתיקה:

**ז** בעא. רב אויא סבא האט געפרעגט פון רב הונא אז אעכו"ם מיט איוד האבין בשותפות אבהמה. אהאלבע בהמה געהער צום יוד אונ אהאלבע בהמה געהער צום עכו"ם. מעג מען שעכטין די בהמה אום יום טוב. אדער ניין. האט רב הונא געזאגט מען מעג. האט רב אויא געזאגט צו רב הונא פאר וואס טאר מען ניט שעכטין אום יום טוב קרבנות נדרים אונ נדבות. וייל נאר העלפט געהער צום יוד אונ די אנדערע העלפט געהער צו גאט. דורכין דעם פון גאט

טאר

וה לנדרים ונדבות א"ל עורבא פרח כי נפק א"ל רבה בריה לאו היינו רב אויא סבא דמשתבח ליה מר בגויה דגברא רבה הוא א"ל ומה אעביד ליה אני היום (שיר ס) סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים ובעא מנאי מלתא דבעיא טעמא:

ח **מעשה** בשמעון התימני שלא בא אמש לב"ה בשחרית מצאו יהודה בן בבא א"ל מפני מה לא באת אמש לב"ה א"ל בלשת באה לעירנו ובקשה לחטוף את כל העיר ושחטנו להם עגל והאכלנום ופטרנום לשלום א"ל תמה אני אם לא יצא שכרכם בהפסדכם שהרי אמרה תורה לכם ולא לעכו"ם:

(דף כג) ט **למימרא** דר"א בן עזריה חדא פרה הויא ליה והאמר רב ואמרי לה אמר רב יהודה אמר רב תליסר אלפי עגלי הוה מעשר רבי אלעזר בן עזריה מעדריה

ואסור לשוחטן מפני חלק גבוה: עורבא פרח. עורב פורח למעלה השיאו לדבר אחר: כי נפק. רב אויא: א"ל רבה בריה. בר רב הונא לאבוה: לאו היינו וכו'. ולמה דהיינו והלך לו בכלימה: אני היום סמכוני באשישות. יו"ט הוא ודרשתי ברבים והלאני מטורח הדרשה וקורא אני עלי סמכוני באשישות הביאו לי משקה ואסעוד: דבעיא טעמא. וצריך אני להרהר ולעיין בה. התימני. מתמנה היה כדכתיב אמשין התימני מהמנה: אמש. כלומר בין הערבים של יו"ט: בלשת. חיל גדול של גדודי גוים מתחספים והולכים לבזוז בזז: יצא שכרכם. שנתפרנסו בממון יצא והפסד בבזיזה הפסד עונש שענשו על חלול יו"ט:

---

טאר מען ניט שעכטין די בהמה. דארף מען דאך ניט טארין שעכטין די בהמה דורך דעם חלק פון עכו"ם אויך: האט רב הונא גיזאגט צו רב אויא אקראה איז גיפלויגין. רב הונא הט איהם ניט געוואלט ענפערין. אז רב אויא איז ארויס גיגאנגען. האט רבה דער זוהן פון רב הונא גיזאגט צו רב הונא: דאס איז דאך רב אויא סבא וואס דא האסט איהם גילויבט פאר מיר אז ער איז אגרויסער כאן. פאר וואס האסטו איהם אזוי גיענפערט: ער איז דאך פאר שעמט גיווארען. האט רב הונא גיזאגט צו רבה וואס זאל איך איהם טאהן איך בין היינט קראנק פון דער דרשה וואס איך האב גידרשת. אונ איך וואלט גערען סמכוני באשישות. איהר זאלט מיך דער קוויקען אונ אן לעהנען מיין הארץ מיט בעכערס ויין. רפדוני בתפוחים. איהר ואלט אויס שפרייטין פאר מיר עפליכע עפיל. איך זאל מיך דער קוויקען מיט דעם ריח. אונ ער האט גיפרעגט פון מיר אזוי אדין וואס מען דארף שטארק קלערען אויף אים. אונ ער האט גיוואלט אז איך בין אזוי שוואך ווארום איז ער היינט גיקומען צו מיר מיך פרעגין דעם דין:

ח מעשה עס הט אמאהל גיטראפין שמעון התימני איז ניט גיקומען יום טוב ביי נאכט אין בית המדרש. אין דער פריא האט יהודה בן בבא גיטראפין צו שמעון התימני אונ האט אים גיפרעגט פאר וואס ביסטו ניט גיקומען ביי נאכט אין בית המדרש. האט שמעון גיענפערט אגרויסער חיל איז גיקומען ביי נאכט צו אונז אין שטאט אונ זיי האבין גיוואלט רויבין דיא גאנצע שטאט האבין מיר גישאכטין פון זייערט וועגין אקאלב אונ מיר האבין זיי גיגעבין עסין דאס פלייש. ווענען זייא אוועק גיגאנגען פון אונז צו פרידען. האט רבי יהודה גיזאגט שוא רבי שמעון עס וואנדערט מיך אויף אייך אז איר האט אזוי גיטאן. עס איז געווים אוועק גיגאנגען אייער פאר דינסט פון דעם געלט אויף דעם שאדין וואס איר האט פון דיא עבירה. דער שטראף פון די עבירה וואס איהר האט מחלל יום טוב גיוועזן צו שעכטין אום יום טוב. איז גרעסער פון דעם פר דינסט וואס איר האט גיהאט וואס מען הט ביי אייך ניט גירויבט דאס געלט אייערע. ווארום די תורה האט גיזאגט פון אייערט וועגין מעגט איהר שעכטין אום יום טוב. אבער פאר עכו"ם טאר מען ניט שעכטין אום יום טוב:

ט למימרא. פרעגט די גמרא האט דען רבי אלעזר בן עזריה גיהאט נאר איין קוה. רב האט דאך גיזאגט. אונ אנדערע זאגין רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דרייצעהן טויזענד קעלבער פלעגט רבי אלעזר בן עזריה געבין מעשר פון זיינע סטאדעס יעדער יאהר. ענפערט די גמרא די קוה וואס איז גיגאנגען מיט אשטריק ארומגעוויקולט ארום דיא הערנער אום שבת.

איז

מערדיה כל טתא ושתא תנא לא שלו היתה אלא של שכנתו היתה ומתוך שלא מיחה בה נקראת על שמו :

**פירוש**

מוכת מקטע רגליהון דרביעית . עגב בארביו נוקבים ויורדים עד המוק ולין מהפכם

אדרין גלל וכיסעין לותב כין גגולי בדוהונו היהב יסובע ליגחל לה ההרן מקסע רגליהון דרביעית

לוס כדין בגוזלין והומכין ומסינין גבול ולין למדים

חבלובת : נסיעה מקטע רגליהון דקלביה . נטיעה

דערנב שלמדם תורה להמהין ג' פנים מנהכול

פרים וקטע רגלי הקלבים כמתהרים להכול קודם

בפסם וניסות וסעדים במלגה סרפה וכן נבועלי

# אין צדין פרק שלישי

(דף כד ע"ב) **א אמר** רב לעולם אל ימנע אדם עצמו מבית המדרש אפילו שעה אחת

**דאנא** ולוי הוינן קמיה דרבי כי אמרה להא שמעתא באורתא אמר מותרין באכילה בצפרא **אמר** סותרין לקבל זמנא דהואי בי מדרשא הדרי בי לוי דלא הוה בי מדרשא **לא** הדר ביה :

(דף כה ע"ב) **ב תניא** לא יאכל אדם שום ובצל מראשו אלא מעליו **ואם** אכל **הרי זה** רעבתן כיוצא בו לא ישתה אדם כוסו בבת אחת ואם שתה הרי זה גרגרן ת"ר **השותה** כוסו בבת אחת ה"ז גרגרן שנים דרך ארץ שלשה מגסי הרוח :

**ג אמר** רמי בר (חמא) [אבא] **חצובא** מקטע רגליהון דרשיעיא **נטיעה** מקטע רגליהון דקצביא

---

איז ניט געוועזן רבי אלעזר בן עזריהס קוה . נאר פון זיין שכנה איז דיא קוה געוועזן . נאר ווייל רבי אלעזר בן עזריה האט ניט געשטערט . ער האט ניט געזאגט די שכנה אז די קוה טאר ניט ארויס גיין אויף די גאס מיט דעם שטריק ארום די הערנער . איז די עבירה אויף רבי אלעזר בן עזריה דריבער ווערט די קוה גירופען אויף זיין נאמען . מען האט געזאגט דיא קוה פון רבי אלעזר בן עזריה איז ארויס גיגאנגען אויף די גאס מיט שטריק פארוויקעלט ארום די הערנער :

## פרק שלישי

**א** אמר . רב האט גיזאגט אמענטש זאל זיך ניט פארמיידין פון בית המדרש אפילו איין שעה אויך ניט . זאגט רב ווארום איך אונ לוי זענען מיר גיוועזן פאר רבי ווען ער האט גיזאגט דעם דין . ביי נאכט האט ער גיזאגט מען מעג עסין : אין דער פריא האט רבי חרטה גיהאט אונ ער האט גיזאגט נאר צו נעמען מעג מען זיי . אבער עסין טאר מען ניט . זאגט רב ווייל איך בין גיוועזן אין בית המדרש אין דער פריא אונ האב גיהערט וויא רבי האט חרטה גיהאט פון דעם דין . האב איך אויך חרטה גיהאט . לוי ווייל ער איז ניט גיוועזן אין דער פריא אין בית המדרש . אונ ער האט ניט גיהערט וויא רבי האט חרטה גיהאט פון דעם דין . האט ער אויך ניט חרטה גיהאט . האלט ער נאך אז מען מעג עסין :

**ב** תניא . מיר האבען גילערנט אמענטש זאל ניט עסין קנאביל אונ ציבעלע פון קעפיל נאר פון דיא בלעטער . אונ אויב ער האט גיגעסין פון קעפיל איז ער אפרעסער . נאך האבען מיר גילערנט אמענטש זאל ניט אויס טרינקען אכוס מיט איין מאהל . אונ אויב ער האט אויס גיטרונקען מיט איין מאהל . איז ער אזויפער . די רבנן האבען גילערנט אז איינער טרינקט אויס אכוס מיט איין מאהל איז ער אזויפער . אז ער טרינקט דעם כוס אין צוויא מאהל . איז אזוי דער פירונג פון די מענטשין פון דער וועלט . אז ער טרינקט דעם כוס אין דרייא מאהל . דאס איז שוין גרויסקייט :

**ג** אמר . רמי בר אבא האט גיזאגט חצובא האקט אפ די פיס פון די רשעים זיי זאלען ניט זיין גיזונגען . וחצובא איז אזוי אגראז וואס וואקסט גלייך אראפ . אונ די ווארצלען פר שפרייטין זיך ניט אין די זייטען . ווען גאט וועט נעמען די גזלנים צום משפט . וועט ער זיי פרעגין פאר וואס האט איר ניט גילערנט אמוסר פון דעם גראז חצובא וואס ער פאר נעמט ניט קיין פרעמד ערד אונ איר האט פאר נומען פרעמדע . דס פלאנצונג פון איינגען בוים האקט אפ דיא פיס

פון

דקצביא ובועלי נדות תורמוסא כקטע רגליהון דשונאיהם של ישראל שנא' (שופטים י) ויוסיפו בני ישראל לעשות הרע בעיני ה' ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות וגו' ויעזבו את ה' ולא עבדוהו מכשמע שנאמר ויעזבו את ה' איני יודע שלא עבדוהו אלא מה ת"ל ולא עבדוהו א"ר אלעזר אמר הקב"ה אפי' כתורמוס זה ששולקין אותו ז' פעמים ואוכלין בקינוח סעודה לא עשאוני בני:

ד תנא משמיה דר"מ מפני מה נתנה תורה לישראל מפני שעזין הן (שנא' (דברים לג) מימינו אש דת למו) ותנא דבי ר' ישמעאל [מימינו] אש דת למו [אמר הקב"ה] ראוין הללו ליתן להם דת של אש א"ד דתיהם של אלו אש שאלמלא (לא) נתנה תורה לישראל אין כל

נדות שאינן יכולין לטהרן עד שתטבול: תורמוסא. מין קטניות עגול כמין עדשה ורחב כמטבע קטנה וכולה מר מאד עד שמבשלין אותו ז' פעמים ונעשה מתוק וטוב עד שאוכל נמעטמים בקנוח סעודה: מקטע רגליהון דשונאיהם. דכתיב ז' ע"א כנגד קה"ח (ויעבדו את הבעלים ואת העשתרות ואת אלהי ארם ואת אלהי צידון ואת אלהי מואב ואת אלהי בני עמון ואת אלהי פלשתים) ולבסוף ויעזבו את ה': מאי ולא עבדוהו. לפין קבלה הוא שהיה קובל עליהם שהניחוני והקניטוני ז' פעמים כנגד התורמוס ואחר כל זאת לא נחשבתי בעיניהם כתורמוס הזה. לאחר שהטריחו בעליו ז' פעמים הוא חוזר למיטב וכם הטריחו את בוראם נכביא עליהם פורענות להכעיסו כז' ע"א אלא ולא חזרו להם:

שכן עזים. (גרסינן) ונתנה להם תורה שיעסקו בה והיא מתשת כחם ומכנעת לבם: דתיהם של אלו. מנהגם של אלו שעזים הם כאש: מימינו

אין די קצבים זיי זאלען ניט לויפען עסין פלייש ביז מען וועט אם ציהען די פעל אונ עפענען די בהמה אונ זעהן אויב זי איז כשר. אונ זי האקט אם די פים פון די מענטשין זיי זאלען ניט לויפען צו זייערע ווייבער ווען זיי זענען נדות. נאר זיי זאלען ווארטען ביז זיי וועלין גיין טבילה. ווארום אז מען פלאנצט איונגען בוים עסט מען ניט די פירות פון די ערשטע דריי יאהר. ביז צום פערטין יאהר. באדאך כען קען ווארטען דריי יאהר. קען מען דאך ווארטען אשעה ביז מען וועט זעהן אויב די בהמה איז כשר. אונ מען קען ווארטען צוויי וואכען ביז דיא ווייב וועט גיין טבילה. הורמוסא האט אפ גיהאקט די פים פון די פארצייטיגע יודען ווס זיי האבען געדינט עבודה זרה. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען גימערט צו טאהן דאס שלעכטע אין די אויגין פון גאט אונ זיי האבען געדינט צו די בעלים אונ עשתרות אונ דיא גאטער פון ארם אונ די גאטער פון צידון אונ די גאטער פון מואב אונ די גאטער פון עמון אונ די גאטער פון פלשתים. זיבען גאטער. אונ זיי האבען פאר לאזען גאט אונ האבען אים ניט געדינט. פרעגט די גמרא אז עס שטייט אין פסוק זיי האבען פאר לאזין גאט וויים איך דען ניט אז מען מיינט זיי האבען איהם ניט געדינט. צו וואס שטייט נאך אין פסוק זייא האבען איהם ניט געדינט. הט רבי אלעזר גזאגט גאט הט גזאגט מיינע קינדער האבען מיך ניט גימאכט אפילו ווי דער תורמוס. דער תורמוס איז אביטערע פרי. אבער אז מען קאכט איהם זיבען מאהל ווערט ער אזוי זיס אונ גוט אז מען עסט אים דאס לעצטע געריכט נאך דעם עסין. אונ די יודין האבען געדינט זיבען ערליי עבודה זרות אונ האבען גיזעהן אז זיי טויגין ניט אונ האבין זיך ניט אומגיקערט צו גאט:

ד תנא. מיר האבען גילערנט פון רבי מאירס וועגין פאר וואס איז גיגעבען גיווארין די תורה צו די יודין. ווייל זיי זענען שטארק (צו טאהן עבירות). אונ די תורה מאכט שוואך זייער כח אונ זיא מאכט אונטער טעניג זייער הארץ צוא גאט. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט אין פסוק שטייט מימינו אש דת למו. גאט הט גזאגט דיא יודען זענען ווערט מען זאל זיי געבין אתורה פון פייער ואיז דער טייטש אין פסוק פון דיא רעכטע האנט פון גאט דארף צו זיי גיגעבין ווערין אתורה פון פייערו. אנדערע זאגין אזוי הט גאט גזאגט דער פירונג פון די יודין איז שטארק אזוי וויא פייער. זייא האבען אברענעדיגע נאטור. ואיז דער טייטש אין פסוק מימינו. גאט הט זיי גיגעבין די תורה פון זיין רעכטע האנט. ווייל אש דת למו. ווייל זייער פירונג איז שטארק אזוי ווי פייערו. ווארום ווען די תורה וואלט ניט גיגעבין גיווארין צו די יודען וואלט קיין בשעפעניש אויף דער וועלט ניט גיקענט בשטיין פאר זיי.

אזוי

כל בריה יכולה לעמוד בפניהם היינו דארשב"ל ג' עזין הן ישראל באומות כלב בחיות התרנגול בעופות (במתניתא תנא) [וי"א] אף עז בבהמה דקה וי"א אף צלף באילנות:

(דף כט) **ה משנה** אומר אדם (לחנוני) [לחברו] מלא לי כלי זה אבל לא במדה ר' יהודה אומר אם היה בכלי של מדה לא ימלאנה מעשה באבא שאול בן בטנית שהיה ממלא את מדותיו מערב יו"ט ונותן ללקוחות ביו"ט אבא שאול אומר אף במועד (היה) עושה כן משום בירורי המדות והכ"א אף בחול עושה כן משום מיצוי המדות:

**גמ'** תנא אף במועד עושה כן מפני בטול בית

המדרש

**פירוש**

אף דק גמו. פירוש נקן לקב כמורה מפני שלא דק גמו ברגה חקרהום יש חכרים כזה: עזים. קשים וגגא: צלף באילנות. לא ידעתי מהו עזות שלו:

אבא אף (במה"מ) [במועד] עושה כן מפני בטול בה"מ, שהיה הכם גדול והיה רביה להלל מימנו ובמועד רביה עוסקין בתורה שאין עובדין במלאכה והיה ממלאם בלילה שאין זמן בבהמ"ד כדי שיכול כמוי ביום ולמתן דברים במהירה מפני בירורי המדות מפרש הכי מפני בטול בית המדרש של אלו במועד בלא היה פנוי לבהוה ולברר מדותיו בלא ירפיהו לסיק ממלאם בלילה: הוא כנה וכו'. ושבמן יין נחבית נמדה כך וכך לוגין ומכר ממנה אד שמלא חבונו נמצא כל המוהר בחביות על ידי בירורין שהרתיח היין במילאו ועלה הופית ושקומ"ד בלע"ז ואין כמדה מלאה וכן נקראים בירורין לפי שמבררין וזהו מן היין כבם הכו ח"כ ע"י דקליפי וזוגי ושמן יש בו מיצוי מפני שהדבקה

אזוי ווי רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט דריי זאכען זענען דא אויף דער וועלט וואס ווי וואלטען געוועזען זיך גישטארקט איין צו נעמען די וואס קריגען מיט זיי. די יודען געגען די פעלקער. דער הונט געגען די חיות. דער האן געגען די עופות. אנדערע זאגען נאך איינס. די קאזע געגען יונגע בהמות. אנדערע זאגען נאך איינס. דער בוים צלף געגען אנדערע בוימער:

**ה** משנה. אומר. א מענטש מעג זאגען צו זיין חבר אום יום טוב גיס אן משקה אין די כלי ביז פול. און נאך שבת אדער נאך יום טוב וועט מען אויס מעסטין די כלי ווי פיל זי האלט אזוי פיל וועט ער איהם בצאהלין). אבער אז די כלי איז א מאס וואס מען מעסט מיט איר. למשל א קווארט אדער א שטאף. טאר מען ניט זאגין גיס אן א פולע כלי. רבי יהודה זאגט אויב די כלי איז א מאס. זי האלט א קווארט אדער א שטאף. אפילו מען מעסט ניט מיט איר. טאר מען ניט זאגין מען זאל אן גיסען א פולע כלי. אבא שאול בן בטנית פלעגט אן גיסען זיינע מאסען פון ערב יום טוב. און אז אייגער איז גיקומען קויפען אום יום טוב פלעגט ער אים אוועק געבין די אן גימאסטענע כלי. פלעגט ער ניט דארפען מעסטין אום יום טוב. אבא שאול זאגט אום חול המועד פלעגט ער אויך אזוי טאהן. ווייל אז מען גיסט אן א כלי מיט וויין ווערט א שוים פון הויבין און מיט די שוים איז די מאס פול. אבער אין אמת איז די מאס ניט פול. און אז מען פאר קויפט אזוי מיט די שוים גינארט מען דאך דעם קויפער. דריבער פלעגט ער אן גיסען מיט די מאסען פארין נאכט און פלעגט זיי לאזין שטיין א גאנצע נאכט די שוים זאל אפ שטיין. און אין דער פריא פלעגט ער דער גיסען די מאס ביז פול. און פלעגט אויך נישט אריין גיסען אין די כלי פון קויפער. און די חכמים זאגין אום דער וואכען פלעגט ער אויך אזוי טאהן. אז מען פלעגט קומען צו איהם קויפען אייל. פלעגט ער נעמען ביי דעם קויפער די כלי פארין נאכט און האט אין איר אריין גימאסטען למשל א שטאף אייל. און דעם שטאף האט ער גילאזט ליגען איבער די כלי א גאנצע נאכט. עס זאל ארוס רינען פון דעם שטאף אין די כלי די גאנצע אייל. ווארום אייל קלעבט זיך אן אויף די ווענט און אויף דעם דעק פון די מאס און עס רינט ניט ארוס אזוי גישווינט אין גאנצען. דריבער האט ער גימוזט שטיין די מאס איבער די כלי א גאנצע נאכט:

**גמרא**. תנא. מיר האבען גילערענט פאר וואס פלעגט אבא שאול אזוי טאהן מיט דיא שוים נאר אום חול המועד ניט אום דער וואכען. נאר ווייל אום חול המועד לערנען אלע תורה אין בית המדרש. ווייל מען ארבעט ניט. דריבער פלעגט אבא שאול ניט וועלין דער קויפער זאל ווארטען ביי איהם אין קראם ביז די שוים וועט אפ שטיין. ער זאל ניט גישטערט ווערין פון לערנען. אבער אום דער וואכען וואס עס איז גיוועזען צייט. פלעגט יעדער קויפער

ווארטען

המדרש: תנו רבנן הוא כנס ש' גרבי יין מן בירורי המדות וחברו כנס ש' גרבי שמן מן מיצוי המדות והביאום לפני הגזברים בירושלים אמרו להם אין אתם יקוקים לכך אמרו להם אף אנו אין רצוננו בכך אמרו להם הואיל והחמרתם על עצמכם לכו ועשו בהן צרכי רבים דתניא גזל ואינו יודע ממי גזל ילך ויעשה בהם צרכי רבים מאי היא אמר רב חסדא בורות שיחין ומערות:

# המביא כדי יין פרק רביעי

(דף לב ע"ב) **א ואמר** ר' נתן בר אבא אמר רב כל המצפה לשלחן חברו עולם חשך בעדו שנאמר (איוב טו) נודד הוא ללחם איה ידע כי נכון בידו יום חשך רב חסדא אמר אף חייו אינן חיים

בשולי המדה ודופנותיה וכיון שהיה בירורים ולא בשמן: והבירו כנס וכו'. כופ־כינן בבירוריה: הגזברים, כל הקדש לעשות בהן צרכי הקדש לא ירצו והם לא הקדישוה כבבורין אין יכולין להקדיש שאינו שלהם א"כ יכולין והוי גזל בעולם: אמרו להם. חכמים: אין אתם זקוקין לכך. הואיל ומהחלה לא נתכוונתם לגזל שהלוקחין מוחלין ע"י טרדן ומרוצתן שאין יכולין לשהותו ועוד דקא ידעי ומחלי: אף אנו אין רצוננו בכך. ליהנות משל אחרים: ואמרו להם. חכמים א"כ אין לכם לעשותן הקדש אלא לעשות בהם צרכי רבים ויהנו מהם כנגזלים: ואינו יודע למי גזל. בגזל מאנשים רבים: בורות שיחין ומערות. שמהכנסין בהם מים ושותים מהם ובב"ק מפרש מאי בור ומאי שיח ומאי מערה:

בעדו. כנגדו כמו סכת בעדו כלומר תמיד מחזר לפניו ככל עליו כחכך: נכון בידו. מזומן

נ'ארטען ביי טאג אביסעל ביז די שו"ם איז אפ געשטאנען. פלעגט ער איהם דער גיסען די מאס ביז פול:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אבא שאול האט אן גיזאמעלט דריי הונדערט פעסער וויין פון די שו"ם חס אויף די מאס. אונ זיין חבר האט אן גיזאמעלט דריי הונדערט פעסער אייל פון די אייל חס האט אפ גירונען פון די מאס. ווייל עס זענען גיוועזן פיל מענטשין וואס האבען ניט גיוואלט ווארטען ביז די שו"ם וועט אפ שטיין. אדער ביז די אייל וועט אפ רינען פון די מאס. אונ די ביסלאך וויין וואס האט גיפעלט צו די מאס. אונ די ביסלאך אייל וואס האט אפ גערונען פון די מאס נאך דעם מעסטין האבען זייא צו זאמען געקליבען אין בזונדערע כלים ביז עס איז גיווארין דריי הונדערט פעסער וויין אונ דריי הונדערט פעסער אייל. האבען זייא גיבראכט די אייל מיט די וויין פאר די גבאים פון בית המקדש וואס זענען גיוועזן אין ירושלים. האבען די חכמים גזאגט איר דארפט גאר ניט שיינקען די אייל מיט דיא וויין צום בית המקדש, איר מעגט דאס האלטען פאר זיך. וואָרום דיא קויפערס האבען דאס אייך גישיינקט. האט אבא שאול מיט זיין חבר גזאגט צו די חכמים מיר ווילען אבער ניט נעמען די וויין מיט דיא אייל פאר אונז. האבען די חכמים צו זייא גזאגט ווייל איר ווילט דאס ניט נעמען פאר אייך. ווארום איר האט מורא טאמער הייסט דס גזלה ואונ איר ווייסט ניט צו וועמען איר זאלט אוועק געבין. אונ איר ווייסט ניט ווי פיל איר זאגט צו יעדין געבין: זאלט איר פאר קויפען דיא וויין מיט די אייל אונ פון דעם געלט זאלט איר מאכען אזעלכע זאכען וואס אלע מענטשין זאלען פון דעם הנאה האבען. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער האט גיגזלת אונ ער ווייס ניט פון וועמען ער האט גיגזלת. זאל ער מאכען פון דעם געלט אזעלכע זאכען וואס אלע מענטשין זאלען פון דעם הנאה האבען. וואס זענען די זאכען וואס ער זאל מאכען. האט רב חסדא גזאגט ברונענס זאל ער מאכען. וועלען אלע הנאה האבען פון די וואסער:

# פרק רביעי

**א** ואמר. נאך האט גזאגט רבי נתן בר אבא פון רבס וועגין דער וואס האפט צוא אפרעמדין טיש. ער האט ניט זיין איינענע צו עסין. נאר ער מוז עסין ביי אפרעמדין. איז אים פינסטער די וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס איז פאר וואגילט צו גיין וועגן וואו מען נעמט אשטיקעל ברויט. זאל ער וויסען אז פאר אים איז אן גיברייט אפינסטערער טאג. דיא טעג זענען איהם שוין פינסטער. רב חסדא זאגט זיין לעבין איז שוין ניט קיין לעבי׳

אלא : מי שאין לו אלא חלוק אחד . אין יכול לכבסו יכניס מלעריס אותו : דמפיין במאמס . מפלס את כליו מן הכניס :
נחלת של הקדש . שנאמר לא ידבק בידך מאומה מן החרם אסור בנחלתו ומותר בשלהבתו :

היים ת"ר ג' היידם אינן חייב אלו הן המצפה לשלחן חברו ומי שאשתו מושלת עליו ומי שיסורין מושלין בגופו ויש אומרים אף מי שאין לו אלא חלוק אחד ות"ק (אמאי לא השיב לה) אפשר דמעיין בכניה :

## משילין פרק חמישי

(דף לה ע"ב) **א תנן** רבי ישמעאל אומר נזיר לא יחוף ראשו באדמה מפני שמשיר את השער :

(דף לט) **ב תנו** רבנן ה' דברים נאמרו בגחלת הגחלת כרגלי הבעלים ושלהבת בכל מקום גחלת של הקדש מועלין בה ושלהבת לא נהנין ולא מועלין גחלת של נכרי אסורה ושלהבת מותרת המוציא גחלת לרשות הרבים חייב ושלהבת פטור המודר הנאה מחבירו אסור בגחלתו ומותר בשלהבתו :

תנו

לעבין . די רבנן האבען גילערונט דריי ערליי מענטשין זענען דא וואס זייער לעבין איז ניט קיין לעבין . דאס זענען זיי . דער וואס האפט צו אפרעמדין טיש ווי פרעמדער שטייטן . אונ דער מאן וואס די ווייב געוועלטיגט אויף איהם . אונ דער וואס האט יסורים . אנדערע זאגען דער וואס האט נאר איין העמד איז אויך זיין לעבין ניט קיין לעבין . ווייל די כנים לאזין איהם ניט לעבין דער ערשטער-תנא זאגט ער קען דאך אריוס נעמען די לייז פון העמד . אדער אויס טאהן דיא העמד אונ זיא וואשען . דריבער איז נאך ניט אזוי שלעכט ווי דיא פריערדיגע דריי ערליי מענטשין :

## פרק חמישי

**א** תנן : מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל זאגט אנזיר זאל ניט קראצען דעם קאפ מיט ערד . ווייל די האר פאלען ארויס :

**ב** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט פינף דינים איז גיזאגט גיווארין ביי אקויל . אז איינער נעמט אקויל פון אבעל הבית אום יום טוב . טאר מען ניט טראגין דיא קויל אום יום טוב ווייטער ווי איר בעל הבית מעג גיין . אבער אז איינער צינט אן זיינע אליכט אדער זיינע אשטיק האלץ ביי אפרעמדין פייער . מעג ער טראגין דיא ליכט מיט דעם פלאם אדער די שטיק האלץ מיט דעם פלאם וואו ער אליין מעג גיין ווערין בגמרא). אז מען האט גינומען אקויל פון בית המקדש דארף מען בצאהלין פאר דיא קויל אונ מען דארף ברייננגען אקרבן אויף די עבירה . אבער אן צינדען אליכט אדער אשטיק האלץ ביי דעם פייער פון בית המקדש טאר מען ניט . אבער אז מען האט אן גיצונדען דארף מען ניט ברייננגען קיין קרבן אויף די עבירה . מען טאר ניט נעמען אקויל פון דעם פייער וואס ברענט פאר דיא עבודה זרה . אבער אן צינדען אליכט אדער אשטיק האלץ פון דעם פייער וואס ברענט פאר די עבודה זרה . דאס מעג מען . אז איינער טראגט ארויס אקויל פון שטוב אין גאס אום שבת . דארף ער ברייננגען אקרבן . (אויב ער האט פאר געסין אז עס איז שבת) . אבער אז ער טראגט ארוס אפלאם פייער אום שבת פון שטוב אין גאס . דארף ער ניט ברייננגען קיין קרבן . אז איינער האט גיטאהן אנדר ער זאל ניט הנאה האבען פון זיין חבר . טאר ער ניט נעמען אקויל פון זיין חבר . אבער ער מעג הנאה האבען פון זיין חברס פלאם . ער מעג אן צינדען אליכט אדער אשטיק האלץ פון זיין חברס פייער :

תנו

(יף ט) ג תנו רבנן אלו הן מדבריות ואלו הן בייתיות מדבריות כל שיוצאות בפסח ורועות באפר ונכנסות ברביעה ראשונה ואלו הן בייתיות כל שיוצאות ורועות ד׳ ץ׳ לתחום ובאות ולנות בתוך התחום רבי אומר אלו ואלו בייתיות הן אלא אלו הן מדבריות כל שיוצאות ורועות באפר ואין נכנסות לישוב לא בימות החמה ולא ביב״ת הגשמים:

ולסוס . לישוב : כרכין ) ; במרחבון :

# סליק מסכת ביצה

ג תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט עס איז דא פעלד עופות אונ שטוב עופות . די עופות וואס גייען ארוים אין פעלד פסח אונ פיטערין זיך אנאנצען זומער אויף דעם גראז אונ נאך סוכות ווען עם הייבט אן דער ערשטער רעגין קומען זיי אין שטוב אריין אונ זענען אין שטוב אגאנצין ווינטער . דאס הייסט פעלד עופות . אונ די עופות וום גייען ארוים אויסער די שטאט אונ פיטערין זיך אגאנצין טאג אויף דעם גראז אפילו ווייטער ווי צוויי טויזענד איילין פון שטאט . נאר ביי נאכט קומען זייא נענטער צום שטאט אונ נעכטיגען אין די צוויי טויזענד איילין פון שטאט : די הייסען שטוב עופות . רבי זאגט די אלע עופות הייסען שטוב עופות . ווייל די זענען אגאנצין ווינטער אין שטוב . נאר די עופות וום גייען ארוים אויסער די שטאט פיטערין זיך אויף דעם גראז אונ קומען ניט אריין אין שטאט ניט זומער אונ ניט ווינטער . די עופות הייסען פעלד עופות :